אויף תיכף ארויסצוגעבן: 8/2/2024 גאווערנער קעטי האקול

## גאווערנער האקול מעלדט 17.2 מיליאן דאלאר צו פארשטערקערן סאציאלע סערוויסעס וואס העלפן שוואכערע פאמיליעס דערגרייכן פינאנציעלע זיכערהייט

***גאווארנער'ס פאמיליע צענטרירטע סערוויסעס איניציאטיוו שטיצט לאקאלע אפטיילונגען וואס סערווירן הונדערטער טויזנטער נידריג-איינקונפטיגע פאמיליעס דורכאויס ניו יארק***

***איניציאטיוו ערשט געמאלדן אלס טייל פון גאווערנאר'ס 2024 סטעיט אוו די סטעיט***

גאווערנער האקול האט היינט געמאלדן 17.2 מיליאן דאלאר אין באלוינונגען דרוך די פאמיליע-צענטרירטע סערוויסעס איניציאטיוו צו פארשטערקערן סאציאלע סערוויסעס וואס העלפן שוואכערע פאמיליעס דערגרייכן פינאנציעלע זיכערהייט. די פינאנצירונג וועט העלפן לאקאלע סאציאלע סערוויסעס אפטיילונגען דורכאויס ניו יארק אויפצונעמען מער ארבעטער ווען זיי סערווירן ווייטער הונדערטער טויזנטער פון נידריק-איינקונפטיגע פאמיליעס דורכאויס די סטעיט.

"מיר פארשטארקערן די קריטישע מיטלען וואס העלפן פלאגנדיגע ניו יארקערס האבן זייערע וויכטיגע געברויכן און אריבערגיין צו עקאנאמישע זיכערהייט," **האט גאווארנער האקול געזאגט.** "דורך געבן פינאנצירונג פאר לאקאלע סאציאלע סערוויסעס אפטיילונגען אויפצונעמען מער ארבעטער און שטיצן אפעראציעס, קענען מיר ארויסנעמען מער פאמיליעס פון ארעמקייט און אריין צו א ליכטיגערע צוקונפט."

די 17.2 מיליאן האט געגעבן נעמט אריין אינוועסטירונגען אין לאקאלע סאציאלע סערוויסעס אפטיילונגען אין ראיאנען דורכאויס די סטעיט:

| ראיאן | סכום |
|---|---|
| Capital Region | $1,984,616 |
| Central New York | $1,653,845 |
| Finger Lakes | $1,819,235 |
| Long Island | $1,323,074 |
| Mid-Hudson | $2,480,767 |
| Mohawk Valley | $1,323,078 |
| New York City | $1,157,687 |
| North Country | $1,323,079 |
| Southern Tier | $1,653,848 |
| Western New York | $2,480,771 |

די פאמיליע-צענטרירטע סערוויסעס איניציאטיוו איז ערשט געמאלדן געווארן אין די 2024 סטעיט אוו די סטעיט אדרעסירונג און פירט ווייטער גאווארנער האקול'ס טיפע איבערגעגעבנקייט צו פארשטערקערן די סאציאלע סערוויס נעטווארק און ארויסנעמען פאמיליעס פון ארעמקייט.

די איניציאטיוו אדרעסירט די שוועריקייטן פון פאמיליע ארעמקייט דורך פארזיכערן אז לאקאלע סאציאלע סערוויסעס אפטיילונגען דורכאויס די סטעיט וועלן האבן טרענירטע שטאב גרייט צוזושטעלן געצילטע באהאנדלונגען וואס שטיצן די גאנצע פאמיליע. דאס רעכנט אריין העלפן פאמיליעס מיט קאמפליצירטע געברויכן אזויווי גייסטישע געזונטהייט צושטאנדן, אנטוויקלונג אינוואלידקייט, סובסטאנץ באנוץ דיסארדערס און די וואס מאכן מיט היימלאזיגקייט און היים-געוואלדטאטן.

די פינאנצירונג וועט ערמעגליכן לאקאלע אפטיילונגען אנצונעצן פון איינס ביז זיבן פול-טיים קוואליפיצירטע אדער צוגעפאסטע ערפארענע שטאב, אפהענגיג אויף די מאס פון די קאונטי'ס צאל קעיסעס. די נייע שטאב וועט צושטעלן א רייע קעיס מענעדשמענט סערוויסעס וואס קען אריינגעמען טיפע אפשאצונגען, קריזיס באהאנדלונגען , ריסאורס נאוויגאציע און ארומיגע שטיצע צו סטאביליזירן היים באדינגונגען, צווישן אנדערע.

לאקאלע אפטיילונגען וועלן צופאסן זייערע איניציאטיוון צוצוטרעפן די אייגנארטיגע געברויכן פון די היים-פירערשאפט וואס עס קומט זיי. עטליכע קענען אויסוועלן זיך צו קאנצענטרירן אויף די געברויכן פון היימלאזע פאמיליעס אדער הויזגעזינד וואס פלאגן זיך מיט גייסטישע געזונטהייט צושטאנדן, אין די צייט וואס אנדערע קענען זיך מעגליך מער קאנצענטרירן צו מוטיגן זיך צו אנגעבן צו ארבעטן. פאמיליעס וועלן ווערן אנגעטראגן צו די פראגראם באזירט אויף לאקאלע אנטוויקלטע קריטעריאנען.

**אפיס פון צייטווייליגע און אינוואליד הילף (Office of Temporary and Disability Assistance) קאמישענער בארבארא סי. גוין האט געזאגט,** "די אורזאכן פון ארעמקייט זענען אפט קאמפליצירט און זיי אדרעסירן פאדערט א פיל-זייטיגע צוגאנג וואס אדרעסירט די ספעציפישע געברויכן פון יעדע פאמיליע. מיר זענען דאנקבאר צו גאווארנער האקול פארן אנערקענען די שטארקקייט פון די פאמיליע-צענטרירטע סערוויסעס איניציאטיוו אז סאציאלע סערוויסעס דיסטריקטס זענען בעסער אויסגעשטאט צו העלפן פארזארגערס דערגרייכן פינאנציעלע סטאביליטי און פאמיליע וואוילזיין."

**אפיס פון קינדער און פאמיליע סערוויסעס (Office of Children and Family Services) קאמישענער דר. דאמיא האריס-מאדען האט געזאגט,** "מיר זענען שטאלץ צו שטיין מיט גאווארנער האקול און אונזער אגענטור מיטשטייער צו ווייטער פירן די באמיאונגען פון באזייטיגן עטליכע פון די סטרוקטורישע אפהאלטונגען צו זעלבסטשענדיגקיט און איבערקומען ארעמקייט. צוטריט צו סערוויסעס און שטיצע וואס אדרעסירט פונדאמענטאלע געברויכן קען זיין לעבן טוישנדיג; דערפאר, איז די נויטווענדיגקייט צו אינוועסטירן אין זיכערהייט נעצן, אריינרעכענענדיג אריינגעמען מער שטאב און מער טרענירונג. דורך די פאמיליע-צענטרירטע סערוויסעס איניציאטיוו, פארברייטערן און פארשטערקערן מיר די ארבעטקראפט וואס וועט העלפן פאמיליעס מיט קאנקורירנדע און שטארקע געברויכן."

**אפיס פון גייסטישע געזונט (Office of Mental Health) קאמישענער דר. אנן סוליוואן האט געזאגט,** "אלע ניו יארקערס זאלן האבן א היים וואו זיי קענען לעבן און בליען אין זייער געמיינדע. די קריטישע ארומנעמענדע סערוויסעס העלפן אינדיווידועלן און פאמיליעס סוקסעספול זיך רוקן פאראויס מיט שטערקערע סטאבילקייט און פינאנציעלע זיכערהייט, וואס ברענגט שטיצע צו גייסטישע געזונט. איך לויב אויס גאווארנער האקול פארן מאכן א פריאריטעט פון איר אדמיניסטראציע אז אונזערע פאמיליעס אין נויט זאלן קענען האבן צוטריט צו די קריטישע סערוויסעס און שטיצעס."

**אפיס פאר די צוריקהאלטונג פון דאמעסטיק ווייאלענס ( Office for the Prevention of Domestic Violence) עקזעקיוטיוו דירעקטאר קעלי אווענס האט געזאגט,** "צוטריט צו קריטישע סאציאלע סערוויסעס איז וויכטיג צו שטיצן דאמעסטיק וויאלענס איבערלעבער און זייערע פאמיליעס אין זייער וועג צו היילונג און פינאנציעלע זעלבסטשטענדיגקייט. א דאנק, גאווארנער האקול, פאר די פינאנצירונג וואס וועט העלפן די אין זייער צייט פון נויט. פארזיכערן אז עס זענען דא איבערגעגעבענע און ספעציעלע טרענירטע שטיצע שטאב צו העלפן איבערלעבערס און אנדערע וואס גייען דורך שווערע צייטן ווייזט ניו יארק'ס ווייטערדיגע איבערגעגעבנקייט צו שטיצן OPDV'ס מיסיע פון זיין איבערלעבער-צענטערירט, טראומא-אינפארמירט, און קולטורעל ריספאנסיוו."

**סטעיט סענאטאר ראקסאן דשעי. פערסואד האט געזאגט,** "אלס די טשעיר פון די NYS סענאט סאציאלע סערוויסעס קאמיטע, אפלאדיר איך די גאווארנער'ס מעלדונג פון 17.2 מיליאן דאלאר פאר די פאמיליע-צענטערירטע סערוויסעס איניציאטיוו. איך האב געשטיצט די פינאנצירונג אין די סטעיטס פיסקאלע יאר 2024-2025 בודשעט וויל עס וועט געבן קראפט פאר סאציאלע סערוויסעס דיסטריקטס דורכאויס ניו יארק סטעיט צו דינגען נאך טרענירטע שטאב און פארבעסערן שטיצע ערמעגליכך צו נידריג-איינקונפטיגע פאמיליעס."

**סטעיט סענאטאר בראד הוילמאן-סיגאל האט געזאגט,** "ניו יארק פפלעגט פון אירע אייגענע, ספעציעל ווען עס קומט צו שטיצן אונזערע שכנים וואס דארפן עס די מערסטע. גאווארנער האקול'ס נייע פאמיליע צענטערירטע סערוויסעס איניציאטיוו וועלן צושטעלן שטארק נויטיגע פינאנציעלע שטיצע צו לאקאלע סאציאלע סערוויס אפטיילונגען זיי צו בעסער אויסשטעלן אויפצונעמען נאך שטאב מיטגלידער און צושטעלן בעסערע סערוויס צו טויזנטער פון נידעריג-איינקונפטיגע פאמיליעס דורכאויס ניו יארק סטעיט וואס פארלאזן זיך אויף זייערע סערוויסעס. די 17.2 מיליאן דאלאר אינוועסטירונג, אריינרעכענענדיג איבער 1 מיליאן דאלאר פאר ניו יארק סיטי, איז א ווייטערדיגע באווייז פון די איבערגעגעבנקייט געמאכט דורך גאווארנער האקול, לידער סטעווארט-קאזינס, און מיינע קאלעגעס איןביידע הייזער פון געזעצגעבונג צו נוצן די כח פון רעגירונג צו שטיצן ניו יארק סטעיט'ס שטרויכלנדע פאמיליעס."

**אסעמבלימעמבער מאריטזא דאווילא האט געזאגט,** "אלס די טשעיר פון די ניו יארק סטעיט סאציאלע סערוויסעס קאמיטע, בין איך איבערגעגעבן צו פארבעסערן און פארברייטערן וויכטיגע סערוויסעס פאר אלע איינוואוינער; אז זיי זאלן קענען האבן צוטריט צו די שטיצע און מיטלען וואס זיי דארפן צו פירן געזונטע און אנגעפילטע לעבנס. איך לויב אויס גאווארנער קעטי האקול פאר איר שטיצע אין צושטעלן 17.2 מיליאן דאלאר צו סאציאלע סערוויסעס אגענטורן וואס וועט פארמערן שטארק נויטיגע פארמערטע שטאב און געצייג צו ווייטער סערווירן נידריג-איינקונפטיגע פאמיליעס דורכאויס ניו יארק סטעיט. עס איז אונזער פאראנטווארטליכקייט צו פארזיכערן גלייכע צוטריט צו געזונטהייט זארג, הייזער, ערציאונג, און ארבעטמעגליכקייטן, צו שאפן א אריינגעמענדע אומגעבונג פאר יעדע אינדיווידועל און פאמיליע. מיר זענען איבערגעגעבן איינצופירן רעגולאציעס וואס נעמען אראפ צוימונגען און דערהייבן אריינגעמונג, וועלכע פארלאנגען געזעצגעבונג און פינאנצירונג."

**אסעמבלימעמבער דעמאנד מיקס האט געזאגט,** "מיט ראטשעסטער אלס היים צו דריי פון די 5 הויפט ארעמסטע זיפקאודס אין די גאנצע ניו יארק סטעיט, פיל פון אונזערע פאמיליעס פלאגן זיך צו ענדיגן דעם חודש און פארלאזן זיך אויף פובליק הילף פון זייער מערסט וויכטיגע געברויכן. מיר מוזן ווייטער פארשטערקערן די ריסאורסעס וואס העלפן אונזערע מערסט שוואכע קינדער און פאמיליעס דערגרייכן סטאבילקייט. איך דאנק גאווארנער האקול פאר נעמען א גאנצע צוגאנג און מאכן די נויטיגע אינוועסטירונגען צו פארבעסערן וויכטיגע סאציאלע סערוויסעס דורכאויס אונזער סטעיט."

**ניו יארק פובליק וועלפעיר אסאסיעישן (New York Public Welfare Association) עקזעקיוטיוו דירעקטאר פאול בראדי האט געזאגט,** "די פינאנצירונג וועט צושטעלן א שטארק-נויטיגע שטופ צו

לאקאלע סאציאלע סערוויסעס דיסטריקטס און זיי ערמעגליכן צו בעסער סערווירן ערטליכע פון אונזער שוואכסטע פאמיליעס דורך זיי העלפן איבערקומען צוימונגען זיך צו פארבינדן מיט די סערוויסעס וואס זיי דארפן. די פאמיליע-צענטרירטע סערוויסעס איניציאטיוו רעפרעזענטירט אן אינאוואטיווע צוגאנג צו אדרעסירן פאמיליע ארעמקייט וואס שאצט אונטער די וויכטיגקייט פון אנגעייענדע צוזאמענארבעט צווישן די סטעיט און לאקאלע רעגירונגען וואס בענעפיטירן אלע ניו יארקערס."

**יוניטעד וועי אוו ניו יארק סיטי CEO גרעיס באנילא האט געזאגט,** "ביי יונייטעד וועי אוו ניו יארק סיטי, אנערקענען מיר אז די וועג צו סטאבילקייט פאר פאמיליעס וואס פלאגן זיך מיט ארעמקייט איז פילפאכיג און שטארק פערזענליך. דורך זיך קאנצענטרירן אויף די איפנעמען פון קולטורעלע פעהיג, באקרעפטיגטע און ערפארענע שטאב, פארזיכערט די איניציאטיוו אז די צוגעשטעלטע שטיצע איז סיי עקספערט און עמפאטיש. עס קומט זיך פאר אונזער פאמיליעס גארנישט ווייניגער ווי די בעסטע צוגעפאסטע, ענטפערנדע זארג. די אינוועסטירונג דורך גאווארנער האקול איז א קריטישע שריט אין אדרעסירן די קאמפליצירטע געברויכן פאר פון אונזערע געמיינדעס, און מיר זענען שטאלץ צו שטיצן די וויכטיגע אנשטרענגונג צו אויפהייבן ניו יארק'ס שוואכסטע פאמיליעס."

**קאטהאליק טשעריטיס פאמיליע און קאמיוניטי סערוויסעס פרעזידענט & CEO לארי וואנאוקען האט געזאגט,** "מיר זענען צופרידן אז נאך ריסאורסעס קומען צו אונזער געמיינדע צו שטיצן פאמיליעס ווען זיי ארבעט צו א בעסערע פינאנציעלע זיכערקייט. אלס אן אגענטור וואס האט היסטאריש סערווירט פאמיליעס לעבנדיג אין ארעמקייט, קען פינאנצירונג פון די גרויסקייט מאכן א טוישנדע טויש צו די לעבן פון די מענטשן וואס מיר סערווירן. מיר קוקן ארויס צו אונזער ווייטערדיגע פארטנערשאפט מיט ניו יארק סטעיט און אונזער לאקאלע אפטיילונג פון יומען סערוויסעס."

**אלבאני קאמיוניטי שריט שותפות (Albany Community Action Partnership) עקזעקיוטיוו דירעקטאר נינע א. בלאנד האט געזאגט,** "אלבאני קאמיוניטי שריט שותפות האט צוגעשטעלט סערוויסעס נוצנדיג פאמיליע צענטרירטע צוגאנג פאר פילע יארן. אונזער ערפארונג אלס א געמיינדע אקציע אגענטור שאצט אונטער די עפעקטיווקייט פון א פאמיליע-צענטרירטע סערוויס מאדעל. מיר האבן געזען די סוקסעס אין אננעמען א צוויי-גענעראציאנען צוגאנג צו סערוויס און די צוריקקום אויף אינוועסטירונג אין גוט טרענירן שטאב צוצושטעלן געצילטע אינדיווידועליזירטע אינטערווענשנס אריינרעכענעדיג סערוויסעס אדרעסירנדיג די פילזייטיגע שטרויכלונגען וואס פאמיליעס מאכן מיט. מיר גלייבן אז די גאנצע צוגאנג וועט סטאביליזירן הויזגעזינדער אין קריזיס, פפלעגנדיג באוועגונג צו פינאנציעלע זיכערקייט, און פארזיכערנדיג אז אלע גענעראמיעס באקומען די שטיצע וואס זיי דארפן צו בליען."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן